## דאָס לעצטע וואָרט
(דעם אָנדענק פון מיין אונפערגעסליכען חבר חיים ווייסמאַן)

אונטער דעם גראהען הימעל וואָס הענגט איבער די „חורבות" פון שלאכט־פעלד הערשט יעצט א טויטע שטילקייט, צובייזלטע פערקרימטע געזיכטער, פון אמאָליגע מענשען.... ווער אָהן א האנד, אָהן א קאָפּ, א שולטער — קוקען יעצט ארויס פון די פערגליווערטע טייכען מענשען-בלוט, צוזאמענגעמישט מיט דעם אונשולדיגען בלוט פון פערד — פון וועלכע א בענקשאפט נאָך וואָס שרייט פון זיך זעלבסט ארויס, דער גרויזאמער גאָט פון טויט שוועבט יעצט זיעגרייש ארום מיט עקעלהאפטען שטאלץ איבער די אלע קרבנות פון קריעג, און שאנעוועט ניט קיין טא־טען פון קינדער, קיין מאמעס קינדער, און פערניכטעט אזוי אונ־רחמנות'דיג אזוי פיעל יונגע לעבענס, וואו ניט וואו מערקט זיך א שווארצער פויגעל מיט א לאנגען שנאָבעל וועלכער פיקט שוין מיט גרויס הנאה די לייבער פון די טוידטע און בלוט אויסגעווייק־טע מענשען-קינדער, און שא און שטיל איז ארום, און עס דאכט זיך אז נאָר טויט.. און טויט... הערשט ארום און ארום.

חיים'ל דער איין און צוואנציג יאָהריגער פּאָעט וועלכער איז ווי א טויטער ביז יעצט אין א פערוואָרפענעם פינסטערען גרוב געלעגען, צווישען אונצעהליגע טויטע „נבלות" האָט מיט אמאָל פון זיין לאנגען שלאָף ערוואכט, און דערפיהלענדיג דעם טיעפען שמערץ פון זיין איידעלער נשמה... ווי אויך דאָס דערגעהענטערען זיך פון זיין טויט האָט ער מיט שמערץ, מיט זיינע האלב־טויטע ליפען דאָס פאָלגענדע געזאָגט:

---

אך, ווי דום און נאריש איך בין געוועזען ווען דער לע־בענס-רוף האָט שטורמיש געקלאפּט אין מיין טהיר....

פער'חלום'ט, פערזאָרגט און פערטראכט... האָב איך אי־מער געוועבט און געבויט און צובראכען אלץ נייע און נייע אידע־אלען....

אין חקירות פערזונקען בייטאָג און ביינאכט האָב איך איינזאם פערבראכט מיינע יאָהרען... אוי מיינע וואונדען!... מיינע וואונ־דען!...

כ'האָב געטרוימט... אוי געטרוימט! פון עפּעס א שעהנער אידעאלער וועלט וועלכע האָט געזאָלט זיין דער צוועק פון מיין „זיין"... און מיט א מאָל אוי געוואלד! מיט א מאָל... האָט דער ווילדער, אונמענשליכער וועלט-בראנד אויסגעבראכען, און א פינס־